# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Dokter Mordkhe M. Kaplan (Tsu Zayn Hundertstn Geboyrn-Yor)/ Dr. Mordchai M. Kaplan (On The Hundredth Year of His Birth)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3921r30t

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Dr. Bernard Cohen, Dr. Bernard Kohen/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר בערנאַרד קאָהען

# ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן

(צו זיין הונדערטסטן געבוירן-יאָר)

די יידישע וועלט וועט דעם קומענדיקן 11טן יוני פייערן דעם הונדערט יאָריקן געבוירן טאָג פונעם אַנגעזעענסטן, חשוב־סטן דענקער און גייסטיקן פירער פון אַמעריקאַנעם יידנטום, ד״ר מרדכי מ. קאַפּלאַן. זייער ווייניק מענטשן אין אונ־דזער צייט האָבן אַזוי שטאַרק באַאיינ־פלוסט דעם מאָדערנעם יידישן דענקען און לעבן פון אַמעריקאַנער יידן ווי עס האָט אונדזער 100-יאָריקער בעל-יובל. זיינע דערשינענע ביכער, ליטעראַרישע שריפטן און עפנטלעכע לעקציעס האָבן סטימולירט און שטאַרק משפיע געווען זיינע תלמידים, לייענער און צוהערער.

געבוירן אין 1881, אין סווענציאַן, ליטע, איז ער, אַן 8 יאָריק יינגל, געקומען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן קיין ניו־יאָרק. ער האָט געלערנט ביי זיין פאָטער, אַ למדן און אָרטאָדאָקסישער רב, און אין ישיבת יעקב יוסף. אין 1900 האָט ער גראַדו־אירט פון סיטי קאַלעדזש, און אין 1902 — פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אַלס

---

בײלע שעכטער-גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

# פענצטער פון מיין נאַכט

וועד האָט עס אויפגעריסן מיך
פון קאָשמאַר צו וויסטער וואָר?
אַן אויסגעשריי מיט בלאָנדע האָר.
אַ שאָקלענדיק געיאָמער.
פאַרלאָשן ס׳פענסטער פון מיין נאַכט,
אַנעמישער לאַמטערן.
אַזוי עלנט אין חלל ציטערט
אַ פאַלנדיקער שטערן.
קומען צו שפרינגען פון נאָרעס און העקן
שאַרן אויסגעגלאָצטע שרעקן.
האָט מען מיידל דיך באַרויבט,
דאָס לעצטע צוגענומען?
אָדער ביסטו גאָר באַטויבט —
פילן איינגענומען?
ס׳האָט דיין הילעכדיקער קוויטש
מיך דורך און דורך געטראָפן
אַ צעבלוטיקטער סיגנאַל,
צעבלעטערט פאַר מיר — אָפן.
די שעה אין טיפער שווארצקייט פאַרטושט
ליכטיקט אַרויס דיינע גלידער.
אַ פייער צישעט פאַר אונדזער שוועל
די אומעטיקסטע לידער.